**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/27/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט ׳קופערוויזשען׳ וועט אינוועסטירן 62 מיליאן דאלער צו פארברייטערן אפעראציעס ביי צוויי מאנראו קאונטי לאקאציעס און שאפן איבער 170 נייע דזשאָבס**

***קאנטאקט לענזן פראדוצירער וועט פארברייטערן איר דיסטריביושען צענטער אפעראציעס אין וועסט העריעטא און מעניופעקטשורינג אפעראציעס אין סקאטסוויל***

***אינוועסטירונג דערגאנצעט "פינגער לעיקס פאָרווערד" — דער ראיאָן'ס אויספירליכע סטראטעגיע אויף ווידער-אויפלעבן קאמיוניטיס און וואקסן דער עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז ׳קופערוויזשען׳ וועט פארברייטערן אפעראציעס ביי צוויי באזונדערע לאקאציעס אין מאנראו קאונטי, שאפנדיג ביז 173 נייע דזשאָבס. צייגנדיג אויף א העכערונג אין אלוועלטליכע פארלאנג פאר קאנטאקט לענזן און א שטייגנדע פראדוקט פארטפעל, וועט די קאמפאני אינוועסטירן איבער 38 מיליאן דאלער צו באדייטנד רענאווירן איר איצטיגן איינריכטונג און פארברייטערן, מיט 150,000 סקווער פיס, איר פעקעדזשינג און דיסטריביושען איינריכטונג אויף טרו-ווער פארק דרייוו אין וועסט העריעטא. די קאמפאני וועט אויך פארענדיגן א 24 מיליאן דאלערדיגע רענאוואציע אויף איר פאבריצירונג אפעראציעס אויף נאָרט ראוד אין סקאטסוויל צו בעסער אקאמאדירן איצטיגע און צוקונפטיגע פראדוקט וואוקס. דער וועסט העריעטא פראיעקט וועט פארענדיגט ווערן ביז׳ן זומער 2023. די גע׳אפדעיט׳עטע פראדוקציע איינריכטונג איז אויך ערווארטעט אריינצוגיין אין אפעראציע ביז׳ן ענדע 2023.

״׳קופערוויזשען׳ איז פון שטענדיג אן געווען א וויכטיגע עקאנאמישע טרייבער פאר מאנראו קאונטי און די ארומיגע געגנטער דורך צושטעלן הויכע-קוואליטעט דזשאָבס פאר שווער-ארבעטנדע ניו יארקער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דורך שטיצן די קאמפאני׳ס אינוועסטירונגען אין די פינגער לעיקס, צייגן מיר ווייטער ניו יארק׳ס אנטשלאסנקייט אונטערצושטיצן די אויפשטייג פון אינאווירנדע ביזנעסער וועלכע וועלן העלפן פאראויס-ציען פינגער לעיקס פאר פילע קומענדיגע דורות.״

די וועסט העריעטא צענטער פראצעסירט און שיקט באלד איין ביליאן קאנטאקט לענזן יעדעס יאר צו קאסטומערס אין צפון אמעריקע, לאטין אמעריקע, אייראפע, דער מיטל-מזרח, אפריקע, און אזיע-פאציפישע מארקעטס. אלס טייל פון איר אנטשלאסנקייט צו ארבעטסקראפט געזונט און זיכערהייט , ענווייראנמענטאלע פאראנטווארטליכקייט און באנייבארע ענערגיע, טוט ׳קופערוויזשען׳ אויך פלאנירן צו זוכן פירערשאפט אין ענערגיע און ענווייראנמענטאלע אויסשטעל פלענער (LEED) סערטיפיקעישען אלס טייל פון דער פארברייטערונג. אויף איצט ווערן אלע די קאמפאני׳ס איינריכטונגען לענגאויס דעם גרעיטער ראטשעסטער ראיאן באקרעפטיגט דורך 100 פראצענט באנייבארע ענערגיע.

׳קופערוויזשען׳, וועלכע איז געגרונדעט געווארן אין 1980 אלס אן אפטיילונג פון ׳קופער׳ קאמפאניס, איז דער 2׳ט גרעסטע פאבריצירער פון קאנטאקט לענזן אין דער וועלט. די קאמפאני פראדוצירט א פולע ריי טעגליכע דיספאָזעבל, צוויי-וואכיגע און חודש׳ליכע ווייכע קאנטאקט לענזן, צו באקומען אין איבער 130

לענדער, וועלכע פיגורירן פארגעשריטענע מאטריאלן און אָפּטיקס און פרעמיום הארטע גאז-בייגזאמע לענזן פאר ארטאקעראטאלאגיע און סקלעראלע סטיליזירונגען. די קאמפאני פירט אויס ברייטע אנגייענדע פארשונג און אנטוויקלונג אין אָפּטיקעל ענינים און ארבעט אין נאענטע שותפות מיט אויג-באהאנדלונג פראפעסיאנעלן וועלכע העלפן אידענטיפיצירן די ענדערנדע געברויכן פון קאנטאקט לענז טראגער איבער דער גארער וועלט. אין סעפטעמבער 2021 איז ׳קופערוויזשען׳ א נאמען געגעבן אלס איינע פון ׳פארטשון׳ס׳ בעסטע ארבעטס-פלעצער אין פאבריצירונג און פראדוקציע.

די קאמפאני׳ס איצטיגע ארטיגע ארבעטסקראפט רעכנט אריין איבער 1,000 ארבעטער ביי איר קארפארעיט אפיסעס אין וויקטאר, אנטעריאו קאונטי, ביי דעם פראדוקציע איינריכטונג אין סקאטסוויל און די פעקעדזשינג דיסטריביושען צענטער אין וועסט הענריעטא. איבער דער וועלט, טוט ׳קופערוויזשען׳ באשעפטיגן איבער 12,000.

**׳קופערוויזשען׳ פרעזידענט דזשערי ווארנער האט געזאגט,** ״אונזער וועסט הענריעטא ארט איז איינע פון די מערסט טעכנאלאגיש פארגעשריטענע דיסטריביושען צענטערס פון איר סארט. יעדן טאג, טוט אונזער מאנשאפט — מיט די הילף פון אינאוואציעס ווי צ.ב.ש. אויטאנאמישע מאביל ראבאטן און טראגבארע ווארענונג שילדן — איינפעקלען, אוועקלייגן, און ארויסשיקן מיליאנען קאנטאקט לענזן צו אויג-באהאנדלונג פראפעסיאנעלן און קאנסומערס אין מערערע לענדער. די אינוועסטירונג אין נאך פעקעדזשינג פעאיגקייטן, סטאָרעדזש טעכנאלאגיע, און גע׳אפגרעיד׳עטע ווערהאָוס פארוואלטונג לייזונג מיטלען פארשטערקערט אונזער אינדוסטריע-פירנדע קאסטומער סערוויס שם. אננעמען און איינפירן סאפיסטיקירטע טעכנאלאגיעס איז אויך נייטיג פאר אונזער סקאטסוויל קאנטאקט לענזן פאבריצירונג איינריכטונג, וועלכע איז א בריליאנטענער צירונג אין אונזער אלוועלטליכע נעץ פון פראדוקציע ערטער. מיר זענען דערהייטערט מיט דער געלעגנהייט אנצוהאלטן ווייטער אונזער טעכנאלאגיע און ארבעטער אינוועסטירונג אין דעם פינגער לעיקס ראיאן.״

׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ העלפט די קאמפאני מיט איר אנגייענדע וואוקס אין דעם ראיאן דורך צושטעלן ביז 1.5 מיליאן דאלער אין רעזולטאטן-באזירטע עקסעלסיאָר שטייער קרעדיטס ביי יעדן פראיעקט ארט אין אויסטויש פאר די קאמפאני׳ס דזשאָב שאפונג פארשפרעכונגען. RG&E, מאנראו קאונטי און ׳גרעיטער ראטשעסטער ענטערפרייז׳ שטעלן אויך צו הילף פאר די קאמפאני׳ס פארברייטערונג.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ אמטירנדע פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״׳קופערוויזשען׳ס׳ געפלאנטע פארברייטערונג, אינוועסטירונג און אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו מאנראו קאונטי ווייזט ארויס די געלעגנהייטן פאר עקאנאמישע וואוקס אין דעם פינגער לעיקס ראיאן. די אינאווירטע פראיעקטן זענען נישט נאר א טובה פאר די געגנט׳ס געניטע און טאלאנטפולע ארבעטסקראפט נאר עס וועט אויך ווייטער בויען א טעכנאלאגיע עקא-סיסטעם וואס שאפט דזשאָבס סיי איצט און סיי פאר׳ן צוקונפט.״

**סטעיט סענאטאר פעטריק גאליוואן האט געזאגט,** ״׳קופערוויזשען׳ס׳ אנטשלאסנקייט צו פארברייטערן און אינוועסטירן אין מאנראו קאונטי וועט צושטעלן באשעפטיגונג געלעגנהייטן פאר איינוואוינער פון דעם פינגער לעיקס ראיאן און צייגט אויף די אנגייענדע עקאנאמישע וואוקס פון דעם געגנט. איך גראטוליר קאמפאני פירער און איך וואונטש זיי אנגייענדע ערפאלג.״

**אסעמבלי-מיטגליד הערי בראנסאן האט געזאגט,** ״דער באשלוס דורך ׳קופערוויזשען׳ זיך צו פארברייטערן דא אין מאנראו קאונטי ווייזט די לעבהאפטקייט און עקאנאמישע וואוקס וואס אונזער ראיאן טוט כסדר אונטערשטיצן. אלס פארזיצער פון דער אסעמבלי׳ס עקאנאמישע אנטוויקלונג קאמיטע, שטאלציר איך מיך צו זען די סארטן אינוועסטירונגען וועלכע ווערן געמאכט דא אינדערהיים. די דזשאָבס געשאפן דורך דער פארברייטערונג וועט העלפן פארזיכערן אז מער געניטע ארבעטער קומען פון אונזערע

ארטיגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן בלייבן דא אין מאנראו. דאס איז א געווינס פאר אונזער גאנצער קאמיוניטי.״

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו אדאם בעללא האט געזאגט,** ״מאנראו קאונטי שטאלצירט זיך צו שטיצן ׳קופערוויזשען׳ס׳ פארברייטערונג פראיעקטן, רעזולטירנדיג אין דאס שאפן איבער 170 דזשאָבס. ׳קופערוויזשען׳ס׳ טריישאפט צו מאנראו קאונטי ווייזט אז מיר פארמאגן דעם ארבעטסקראפט נייטיג נאכצוקומען די פאדערונגען פון די היינטיגע הויי-טעק ביזנעסער און הייבט אונזער מאמענטום בשעת דער ראיאן ווערט איבערגעמאכט אויף אן אלוועלטליכן צענטער פאר טעכנאלאגיע און אינאוואציע. איך דאנק ׳קופערוויזשען׳, גאווערנער קעטי האוקול אין אונזער ארטיגע עקאנאמיע.״

**הענריעטא טאון סופערווייזער סטיווען על. שולץ האט געזאגט,** ״׳קופערוויזשען׳ איז געווען א גרויסע ארבעטסגעבער אין הענריעטא שוין יארן, און דערפאר איז גאר גוט צו זען ווי זיי בליען און פארברייטערן זייער אנוועזנהייט אין הענריעטא.״

**מעיאר פון ווילעדזש סקאטסוויל מעגי רידזש האט געזאגט,** ״׳קופערוויזשען׳ אין געווען און וועט ווייטער זיין א גוטער שכן און צוזאמארבעטער אין דעם ווילעדזש סקאטסוויל. די סארטן אינוועסטירונגען זענען וויכטיג, נישט נאר פאר די דזשאָבס וואס זיי שאפן, נאר אויך אלס ממשות׳דיגע באווייז אויף זייער אנטשלאסנקייט צו בלייבן אין סקאטסוויל און אין ניו יארק סטעיט.״

**קארל עי. טעילאר, פרעזידענט און CEO פון NYSEG און RG&E האט געזאגט,** ״מיר גראטולירן ׳קופערוויזשען׳ אויף זייער אנגייענדע וואוקס און פירערשאפט אין אינאווירטע טעכנאלאגיעס און דזשאָב שאפונג אין אונזער קאמיוניטי. די פארברייטערונג פון ׳קופערוויזשען׳ס׳ איינריכטונגען זענען א הויפט ביישפיל פון דעם ענווייראנמענטאל-אויסגעהאלטענע וואוקס וואס מיר זוכן אויף צו זיין א סטראטעגישע ביזנעס צוזאמארבעטער.״

**׳גרעיטער ראטשעסטער טשעימבער אָוו קאָמערס׳ פרעזידענט און CEO און פינגער לעיקס ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל מיט-פארזיצער באב דאפי האט געזאגט,** ״אלס איינע פון די וועלט׳ס פירנדע פראדוצירער פון קאנטאקט לענזן, איז ׳קופערוויזשען׳ א הויפט סוקסעס געשיכטע פאר אונזער ראיאן. זייער פארברייטערונג און דאס שאפן פון 170 נייע דזשאָבס טוט אונטערשטרייכן דעם פאקט אז גרעיטער ראטשעסטער איז אן ארט וואו קלוגע קאמפאניס קענען בליען. מיר דאנקען פרעזידענט דזשערי ווארנער און דעם ׳קופערוויזשען׳ מאנשאפט פאר׳ן ווייטער אינוועסטירן אין אונזער ראיאן און אירע איינוואוינער מיט דער דערפרייענדער פארברייטערונג.״

**׳גרעיטער ראטשעסטער ענטערפרייז׳ פרעזידענט און CEO מעט הורלבוט האט געזאגט,** ״׳קופערוויזשען׳ס׳ פארברייטערונג פארשטערקערט דאס איינזען אז דער גרעיטער ראטשעסטער ראיאן׳ס ראלע אלס דער וועלט פירער אין אפטיקס, פאטאניקס, און אימעדזשינג געשטיצט דורך א געניטע ארבעטסקראפט, פולקאם איינגעגלידערטע סופליי-טשעין און צוגענגליכע קאסטן פון טון ביזנעס. מיר קוקן ארויס מיט חשק צו ארבעטן מיט ׳קופערוויזשען׳ פירער בשעת זיי פארברייטערן זייער אנוועזנהייט אין דער קאמיוניטי.״

׳קופערוויזשען׳, אן אפטיילונג פון ׳קופער׳ קאמפאניס, איז איינע פון די וועלט׳ס גרעסטע פאבריצירער פון קאנטאקט לענזן. לערנט אייך מער איבער ׳קופערוויזשען׳ ביי www.coopervision.com.

׳קופער׳ קאמפאניס איז אן אלוועלטליכער מעדיצינישע מיטלען קאמפאני וועלכער אפערירט דורך צוויי ביזנעס איינהייטן, ׳קופערוויזשען׳ און ׳קופער סורדזשיקעל׳. לערנט אייך מער איבער ׳קופער׳ קאמפאניס ביי www.coopercos.com.

**פארשנעלערן ״פינגער לעיקס פאָרווערד״**

דער היינטיגער אנאנסמענט דערגאנצעט ״פינגער לעיקס פאָרווערד״, דער ראיאָן'ס אויספירליכע בלופרינט צו שאפן שטארקע עקאנאמיע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש געאייגנטער פלאן פאקסירט אויף אינוועסטירן אין הויפט אינדוסטריעס, אריינגערעכנט פאטאניקס, אגריקולטור, און עסנווארג פראדוקציע, און פארגעשריטענע פאבריצירונג. איצט טוט דער ראיאן פארשנעלערן דער 'פינגער לעיקס פאָרווערד' מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג דורך דעם אָפּסטעיט ווידער־אויפלעבונג איניציאטיוו. דער סטעיט'ס 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג וועט באלוינען פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער ווי 2.5 ביליאן דאלער — און דער ראיאָן'ס פלאן, ווי איינגעגעבן, טוט פאראויסזען ביז 8,200 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז צו באקומען [דא.](#)

**איבער ״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״**

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור ([www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov)). דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר'ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען אויף די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די 'איי לאָוו ניו יארק', די סטעיט'ס איקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע אויף ראיאנישע קאונסילס און ״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״, באזוכט [www.regionalcouncils.ny.gov](http://www.regionalcouncils.ny.gov) און [www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן](#)